אין די היטלער־יאָרן, ווען עס האָבן אָנגעהויבן דערגיין צו אונדז די גרוילן פון דער וואַרשעווער געטאָ, זיינען אויך דערגאַנגען צו אונדז די אויסטערלישע ידיעות וועגן דעם אופן, ווי אַזוי הלל צייטלין ז״ל איז געגאַנגען צום טויט און ווי אַזוי ישראל שטערן ז״ל איז אומ־געקומען. ווען מיר האָבן דאָ געהערט אָט די ידיעות, האָבן מיר אַלע געפילט אַז זיי שטימען דורכויס מיט דעם מהות פון די פּערזענלעכ־קייטן פון די ביידע קדושים. זיי וואַקסן אַרויס פון זייערע דרכים אין לעבן. וואָס שייך ישראל שטערן, איז מיר ווייטאָקדיק קלאָר געוואָרן, פאַר וואָס ער האָט מיר מיט צוואַנציק יאָר צוריק געזאָגט, אַז ער איז באַזונדערס באַווירקט פון מיין כראָניק־פּאָעמע „דער וואָלף". יאָ, ס'איז מיר ווייטאָקדיק קלאָר געוואָרן. ער האָט טאָקע מקיים געווען, וואָס עס ווערט אין דער פּאָעמע דערציילט וועגן אַ רב אין חורבן־טעג, און איך — איך האָב נאָר דערציילט. — — —

וואָס איז לעגענדע ? אויסגעליטערטע, פאַרוואַנדלטע ווירקלעכ־קייט, וואָס נעמט אָן די געחלומטע געשטאַלט פון דעם, וואָס האָט די ווירקלעכקייט געלייטערט אין זיין פייער. שטימט אין גאַנצן מיט דעם לעבנס־וועג פון הלל צייטלין דער לעגענדע־נוסח, אַז ער איז געגאַנ־גען צום טויט איינגעהילט אין אַ טלית. און עס שטימט אויך מיט דער ישראל שטערן־געשטאַלט דער לעגענדע־נוסח, ווי אַזוי ער, ישראל שטערן, איז אומגעקומען.

מ. וואַלדמאַן (פּאַריז) אין זיינער אַ פאַרצייכענונג נישט לאַנג, וואָס ער רופט עס טאָקע אָן „לעגענדע — ישראל שטערן", דערציילט :

— — — „די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז ער פאַרשוואונדן. אַ צייט האָט מען אים נישט געזען, ערשט ווען ס'איז שטיל געוואָרן פון דער באָמבאַרדירונג האָט ער זיך באַוויזן.

„ער האָט חברים באַגעגנט מיט אַ שטילן פליסטער, ווי ער וואָלט איבער יעדן געמאַכט אַ ברכה. דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען איז געווען דעם 15טן אָקטאָבער, 1939. איך האָב אים גע־זוכט, כדי זיך מיט אים — מיט דעם דיכטער, וואָס איך האָב פאַרערט, וואָס אַלע האָבן פאַרערט — זיך געזעגענען. און אויך געוואָר ווערן, וואָס טראַכט ער, ישראל שטערן, צו טאָן. וואַרשע איז אין דער

ערגסטער חורבה געלעגן. — — — איבער די גאַסן, בית־עלמינס, דרייען זיך אַרום מענטשן וואָס קוקן אַנגעשפּיזט און מיט מורא אין אַלע זייטן און אַרום זיך — יאָגט זיי נאָך אַ שאָטן? פּלוצים איז ער, ישראל שטערן, אויסגעוואַקסן פאַר מיר ווי אַ נס. ער שפּאַנט פאַר־אויס, קוקט פאַראויס פאַר זיך. טרויעריק, דערשלאָגן, מיד און נאָך מער באַוואַקסן. און נאָך פולער אַנגעשטאָפּט זיינע קעשענעס אין דעם שוואַרצן, אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס איז גרוי און געל געוואָרן און האָט זיך געבלאָזן ווי אַ זאַק אין ווינט.

„דאָס האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם איינציקן און גאַנצן פאַרמעגן זיינעם, מיט אַלע זיינע פאַרערטע דיכטער, אַלע זיינע רביים, פילאָזאָפן. — — — פון וואַרשע האָט ער נישט געוואָלט אַוועקגיין. — וואוהין גיין? האָט ער געזאָגט, דאָרט אַהין וואו איך וויל, קען איך נישט. אַזויפיל יידן בלייבן דאָ. גורל. גורל דאָ צו פאַרבלייבן. —"

דאָס זעלבע כמעט דערציילט וועגן ישראל שטערן אברהם זאַק אין זיין בוך „אין אומרו פון יאָרן" (אַרגענטינע, 1954, פאַרלאַג „יידבוך"). „ישראל שטערן, דערציילט זאַק, פלעגט לאַנג ניט זיצן אין קיך (שריי־בער־קיך אין וואַרשע אויף קאַרמעליצקע אין אָנהייב פון דער מלחמה). עפּעס האָט אים געיאָגט, געטריבן פון מענטשן. וואו ער געפינט זיך, ווי אַזוי ער גיט זיך אַן עצה — האָט קיינער ניט געוואוסט, און ער האָט קיינעם ניט געזאָגט. — — — וואָס טראַכט איר, חבר שטערן? — פרעג איך אים. — איר בלייבט דאָ, אָדער איר וועט זיך אויך לאָזן אין וועג אַריין? — פון גורל קאָן מען ניט אַנטלויפן, פאַלט זיין קורצע תשובה".

דער זעלבער ענטפער: גורל, וואָס וואַלדמאַן דערציילט וועגן אים, און וואַלדמאַן גיט צו צום גורל עפּעס נאָך — ווי אַזוי פון גורל ווערט לעגענדע. וואַלדמאַן פאַרענדיקט זיינע פאַרצייכענונגען אַזוי:

„דערציילט מען איצט — אפשר איז עס לעגענדע? אויב יאָ, קען מען עס נאָר וועגן ישראל שטערן דערציילן: — — — ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער בראַנדיקער ערד, מיט די אויגן געוואַנדן צום הימל, און שטום געבעטן אויף דערלייזונג. צו קיינעם האָט ער נישט גערעדט. גאַרנישט האָבן זיינע ליפּן נישט געוואָלט מער טועם

זיין פון דער זינדיקער ערד... ביז ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ הייליקער מיטן פּראָטעסט קעגן גאָט און וועלט."

וואָס ער האָט איבערגעלעבט ליגנדיק אויף דער בראַנדיקער ערד, ביז ער איז אויסגעגאַנגען, קענען מיר זיך נאָר משער זיין. יעדער פון אונדז אויף זיין אופן. האָב איך אויך פּרובירט זיך משער צו זיין, נאָר כ'האָב אין כבוד פון שטערנס אָנדענק אָנגעשריבן אין 1943 אַ ליד „מיין ברודער, ישראל שטערן", וואָס איז אַריין אין מיין בוך „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", און איך גלויב, אַז עס וועט זיין אין דרך פון מיין איצטיקן איבערלעבן אויפסניי זיינע לידער, און אין מיין פאַרערונג צו אים, ברענגען צום סוף פון די איצטיקע נאָטיצן דאָס ליד, וואָס איז געשריבן געווען אונטערן איינדרוק פון זיין לעגענדע־טויט אין ווארשעווער געטאָ.

* * *

די איצטיקע זאַמלונג פון ישראל שטערנס ווערק באַשטייט פון צוויי טייל. איין טייל — לידער. דער צווייטער טייל — עסייען, ליטעראַטור־קריטיק. מיינע אַריינפיר־ווערטער זיינען וועגן זיינע לידער. איך וואָלט באַדאַרפט צופיל פאַרהאַלטן זיך און פאַרנעמען צופיל אָרט, ווען כ'וואָלט זיך וועלן פאַרנעמען באריכות אויך מיט זיינע עסייען. אַ חוץ דעם, טראַכט איך, אַז קריטיקער־אָפּשאַצער וועלן עס טאָן. מיינע נאָטיצן וועגן זיינע לידער זיינען דאָך אויך מער אָנצייכענונגען וועגן זיין פּערזענלעכקייט איידער קריטיק־אָפּשאַצונג.

אין שייכות מיט דעם זאָל מיר דערלויבט זיין אַרויסצוברענגען און צו פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין אַ פראַגע, וואָס איז אויפגעקומען אין מיר, ווען כ'האָב דורכגעלייענט זיינע עסייען — פון זיין אָנטציקן זיך מיט י. ל. פרצן, אָנטציקן זיך ביז פאַרגעטערן ממש, ביז זיין אויפנעמען אין זיך משה נאַדירן, וואָס איז אין זיין הומאָר־ביטערניש אַקוראַט דער היפוך פון פרצן. איך טראַכט, אַז אונטער נאַדירס שאַרפער הומאָריסטישער ביטערניש האָט ער, ישראל שטערן, דערשפּירט נאַדירס אין תוך טראַגישע בענקשאַפטן — נאַדירס אין תוך פאַרצווייפלטע, פאַרלוירענע וועלט. וואָס ער, נאַדיר, האָט זי געוואָלט

פאַרדעקן מיט גלעלעכטערייען. קיין רעטונג אָבער האָט שטערן נישט געזוכט און נישט געקענט זוכן אין דעם. רעטונג האָט ער געזוכט און יאָ געפונען מער און מער אין פּרצן.

אַזוי ווי שטערן איז אין זיינע לידער תהומיק, אָפּטמאָל דורכאויס אָן אויסוועג, אַזוי איז ער, דערהויפּט אין זיין עסיי „קרוינען צו דער יידישער קריטיק״, אַקטיוו־אָפּטימיסטיש, מאַנעריש. זיין געמיט ווערט דערהויבענער, וואָס מער ער געפינט מעגלעכקייטן אַנצושפּאַרן זיך אָן פּרצן און אַריינצולעבן זיך אין אים מיט זיין גאַנצן וועזן.

• • •

איך וויל פאַרענדיקן מיינע באַטיצן מיט ישראל שטערנס אייגענע ווערטער, אַרויסגענומען פון זיין עסיי „קרוינען צו דער יידישער קריטיק״:

„איר האָט אַמאָל צעשניטן אַ שמייכל אויף צווייען און געזען ווי ער זעט אויס פון אינעווייניק? און דער זייגער, וואָס ליגט ביי אונדז אויפן טיש און ווייזט די שעהען, צי איז ער לעבעדיקער אָדער טויטער פון אונדזערע שעהן? און ער שלאָגט און שלאָגט אַזוי הילכיק, צי איז ער נאַרישער אָדער קליגער פון אונדזער בלוט? מיר ווילן זיין געגנוג אומגליקלעך, כדי זיך צו פרייען מיט דעם שפּאַצירגאַנג דורך דער וועלט ווי אַ סוד צווישן סודות.״

ה. לייוויק.